גליון לחיזוק וביסוס הבית היהודי על אדני השמחה והשלום
גליון ח'

# בנין עדי עד

אויסגאבע פון חיזוק און השקפה פאר די אידישע שטוב, אריינצוברענגען שמחה און שלום
תשע"ב לפ"ק

## בנה ביתך

### ווער נישט פארשלעפט פון דיין געפיל

דער רבש"ע האט באשאפן א מענטש מיט צוויי הויפט ארגאנען וואס זענען אין קאנטראל פון דעם מענטש במשך זיין גאנצן לעבן, ווען איינע פון זיי פונקציאנירט נישט, איז זיין לעבן מער נישט ווערד, דאס איז דער מח מיט די הארץ.

אויסער די פיזישע חלקים וואס דער מח און דאס הארץ קאנטראלירן, ווערט דארט אויך אויסגעשטעלט דער גייסטישער באלאנס פון דעם מענטש, אין דעם מח איז פלאצירט דער שכל, מיט וואס דער מענטש טראכט און צונעמט אן ענין מיט א געזונטע לאגיק, אלעס אין מח דארף זיין פארשטענדליך און אויסגעהאלטן שכל'דיג, עס פארנעמט נישט קיין סתירות, דער מח איז אויך דאס פלאץ וואו דער מענטש רעכנט חשבונות, אנאלאזירט, משפט, און נאך צענדליגער פונקציעס, וואס ווערט געטון בעיקר דורך דעם [לינקן חלק פון דעם] מח.

דאס הארץ איז דער מקור פון וואו עס קומען ארויס די געפילן. ליבשאפט, התלהבות צו א מצוה, התפעלות, קנאה, שנאה, צארן, ווערן באליידיגט, ווייטאג, גאוה, פחד אא"ו. די אלע געפילן זענען געקניפט און געבינדן מיט דעם [רעכטן] חלק פון דעם מח, וואס רופט זיך "דער הונטערן באוואוסטזיין" [סו"ב קאנטשעס] וואס האט אויך אין זיך צענליגער פונקציעס, און איינע פון זיי איז "דמיונות", פארגלייכן און אויפבויען מעשיות, אמת'ע און נישט אמת'ע, וואס זענען באזירט אויף די געפילן פון הארץ.

און כאטש אין יעדן מענטש געפינט זיך די צוויי כחות, דער מח מיט דעם הארץ, דאך וועט ביי יעדן איינעם אנדערש ווערן אויסגעשפילט וויאזוי דאס ווערט גענוצט, און וואס איז זיין עיקר דאמינירנדע כח. אבער בדרך כלל, האט דער רבש"ע אוועק געשטעלט די בריאה אז דער מאן זאל ווערן געפירט בעיקר פון דעם מח, און די פרוי דורך די געפילן פון הארץ.

מענער זענען מער אויסגעשטעלט צו נוצן בעיקר דעם שכל, און מאכן זייערע החלטות לויט וויאזוי זייער שכל וועט זיי דיקטירן, און נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך געפילן וואס זענען אין מערסטע פעלער די נישט ריכטיגע בילד, און פרויען ווען בעיקר פונקציאנירן, רעדן און מאכן החלטות לויט וויאזוי זייערע געפילן ווען זיי דיקטירן, און דאס אלעס האט דער רבש"ע אוועק געשטעלט מיט גרויס חכמה פאר די טובה פון די גאנצע בריאה.

דער מאן וואס דארף מאכן פרנסה, און פירן זיין שטוב, און בעיקר ביי כלל ישראל וואס דער מאן איז דער וואס שטעלט אראפ די תורה'דיגע מיינונג אין שטוב, איז אויסגעשטעלט אז ער זאל קענען גרינגער נוצן זיין מח כדי צו באשליסן זאכן, און נישט ווערן נאכגעשלעפט די געפילן פון הארץ. די פרוי וואס איר ארבעט איז בעיקר זיך אפצוגעבן מיט די קינדער, זיי מחנך זיין מיט ליבשאפט, און האבן אויפזיכט אויף זייער געזונט און אלע זייערע גשמיותד'יגע געברויכן, אזוי אויך דארף זי קאכן און באקן, האלטן די הויז און די מלבושים ריין און ציכטיג אין א גוטן צושטאנד, האט באקומען די געבענטשטע מתנה פון הארץ און געפיל, וואס מיט דעם פירט זי אויס אלע אירע אויפגאבעס אויף דער וועלט בשלימות.

און צוליב דעם כדי די שטוב זאל זיך פירן וואו עס דארף צו זיין, דארף זיין א ריכטיגער באלאנס פון דעם לאגישן שכל פון דעם מאן און די ווארעמע און הארציגע געפילן פון די ווייב, דער מאן דארף זיך לערנען ווען און וויאזוי צו נוצן זיין געפיל ווען עס פעלט אויס, און נישט בלייבן שטענדיג מיט א קאלטן פארפרוירענעם שכל, און די פרוי דארף וויסן נישט צו ווערן פארשלעפט פון געפילן, נאר זיך נעמען צו הילף איר מאן, און זיך לערנען וויאזוי און ווען צו נוצן איר מח און שכל וואס דער רבש"ע האט איר געגעבן.

און אויף די נקודה איז וויכטיג זיך אפצושטעלן.

איינס פון די גרעסטע גורמים וואס קען צושטערן א אידישע שטוב, ווען מען נעמט דעם געפיל, און מען פארט אוועק מיט דעם צו ווייט, מען בויט אויף דעם פיתום ורעמסס, טורעמ'ס פון דור הפלגה, און עס פאלט נישט איין, אז אלעס קען זיין געבויט אויף איין קליינעם טעות, וואס האט אויפגעברענגט א געפיל, פאבריצירט א פאנטאזיע, צוגעשלעפט צו זיך אן אלטע געפיל, צוזאמגעשטעלט א מעשה, וואס פון דאס אלעס איז געווארן גאר א שטארקע קעי"ס, ביז דער מאן אדער די פרוי, דערזעהן זיך מיט א מחנה סאלדאטן וואס ווילן אים / איר איינשלינגען, אלעס דערפאר ווייל מען האט זיך נישט אפגעשטעלט ביי דעם ערשטן געפיל.

די גמרא לויבט שטארק אויס די פרויען: בינה יתירה נתן הקדוש ברוך הוא לאשה, דער באשעפער האט געגעבן פאר א פרוי א בינה יתירה, דאס איז אן עקסטערע כח וואס א פרוי האט, אז וויבאלד איר הרגש איז זייער שטארק, קען זי שפירן און באמערקן שנעל א

גליון זה נתנדב לע"נ הרה"ח ר' שלום ב"ר יעקב צבי ע"ה תנצב"ה הונצח ע"י נכדו

צו מנדב זיין א גליון לעילוי נשמת וכדו' כדי לזכות את הרבים רופט: 347-554-1199 אדער שיקט א אימעיל צו Binyan@yeshivanet.com

זאך מיט איר כח הדמיון, נאך פאר דער שכל קען דאס משפט'ן און אנאלאזירן.

עס איז אבער דא נאך א גמרא: נשים דעתן קלות, פרויען משפט'ן זייער שנעל א זאך און איבערטראכטן גרונטליך. און דערפאר ווען דאס קומט זיך צוזאם מיט די בינה יתירה קען דאס שאפן אומאנגענעמליכקייטן.

דאס איז אזוי ווי מען דארף שטארק אכטונג געבן נישט צו מאכן א טעות, ווען מען רעכנט אויס א קאמפליצירטע חשבון, וואס נעמט אריין אין זיך פארשידענע ערליי חשבונות, און מיט יעדע חשבון ווערן די ציפערן גרעסער און גרעסער, ביז מען קומט אן צום ריכטיגן נומער, די מינדעסטע טעות אין איינע פון די חשבונות, צופאלט אלעס.

עס ווענדט זיך אבער אויך ווען דער טעות האט זיך אנגעהויבן, אויב דער טעות האט פאסירט מער ביי די ענדע, דארף מען נישט אלעס איבער רעכענען, נאר די לעצטע פאר חשבונות, אבער ווען דער טעות פאסירט אין אנפאנג, און ווער רעדט נאך אויב דער גאר ערשטער נומער איז געווען א טעות, דעמאלס איז די גאנצע ארבעט ארויס געווארפן און מען קען דאס נישט נוצן.

פרויען וואס זענען געבענטשט מיט א בינה יתירה, קענען זייער גוט מאכן חשבונות, און צוזאמשטעלן איינס מיט איינס, ווייל דאס איז דער אפטייטש פון דעם ווארט "דמיון" פארגלייכן. איין ווייטאג וועט אויפברענגען אן ענליכע, און בויען אויף דעם א מעשה, און אזוי ווייטער און ווייטער. אבער וויבאלד פרויען זענען זייער אויסגעשטעלט נישט צו איבערקוקן א זאך גרונטליך, דערפאר כאטש זיי האבן געבויט א גרויסן בנין מיט א קאמפליצירטן חשבון, איז אבער מעגליך אז זיי האבן געמאכט א טעות תיכף ביים אנפאנג, און די גאנצע געביידע צופאלט ווי א זייפן בלאז.

**פערל איז פארווייטאגט, עס איז שוין לאנג נאך האלב אכט וואס זי האט אפגערעדט מיט איר מאן אז ער וועט דעמאלס אהיים קומען, און דא גייט אריבער א מינוט נאך א מינוט און עס איז שוין אכט אזייגער און ער איז נאך אלס נישט אינדערהיים.**

**זי הייבט אן צו ווערן נערוועז, די סירענעס וואס האבן זיך צופיפן אונטער אירע פענסטער האבן איר אונטערגעהויבן מיט שרעק, צו איז ח"ו איר מאן נישט געשעדיגט געווארן, זעענדיג אז דאס איז נאר א פייער לעשער האט זי זיך בארואיגט.**

**אבער וואו איז ער דאך? פארוואס איז ער נאך אלס נישט דא? זי ווערט שוין ברוגז, און די מחשבות הייבן אן צו לויפן ארויס פון קאנטראל.**

*"לעצטע וואך געדענק איך איז געווען א ענליכע מעשה, איך האב געדארפט ארויס לויפן צו אן אפוינטמענט און שטארק געווארט ער זאל אהיים קומען פונקטליך, און ענדליך נאך לאנגע פינף מינוט ווארטן איז ער אהיימגעקומען, אזוי זיך נישט צו רעכענען מיט מיר?"*

*"און בכלל זעט מיר אויס ווי עס גייט אים גארנישט אן פון מיר, אפילו איך וועל מיך אנשטרענגען צו קאכן וועט ער שטענדיג איבער לאזן אין טעלער."*

*"און נאכן עסן נאכטמאל זעט נישט אויס ווי ער איז זאט, ער גייט אין בית המדרש און טרינקט דארט טיי מיט סאודע".*

*"און ווען מען רעדט שוין פון סאודע קען איך נישט אראפשלינגען פארוואס ער לאזט נישט די קליינע קינדער טרונקען, און ער טרונקט וויפל ער וויל."*

*"און שוין לאנג פארשטיי איך נישט, פארוואס וויל ער נישט נעמען די קליינע קינדער צו שלש סעודות?".*

**דער זייגער קלאפט שוין כמעט א גאנצע שעה וואס פערל זיצט און בויט אויף א שטארקן קעיס קעגן נחום, אויף די מינוט ווען דער ווייזער האט זיך אוועקגעשטעלט אויף האלב ניין, איז נחום אהיים געקומען מיט א ברייטן שמייכל און א העפליכן גוטן אוונט.**

**ער איז געווארן דערשראקן זעענדיג זיין ווייב'ס זויערן בליק, זי קוקט אויף אים, און צוריק אויפ'ן זייגער, זי קען נישט עפענען דאס מויל פון גרויס ווייטאג און רוגזא, נחום שטייט און וואונדערט זיך אויף איר רעאקציע "בין איך דען נישט אהיימגעקומען פונקטליך האלב "נאך" אכט אזוי ווי אפגעשמועסט?**

געפילן זענען ים כוואליעס וואס פארשלעפן דער וואס לאזט זיך פון זיי, דאס קען זיין ביי מענער און פרויען צוגליך, זיי נעמען דעם קרבן אויף א ווייטן וועג, עס ברענגט צוריק צו אלטע זכרונות, און פארשאפט ווייטאג, ביז א קורצע צייט טרעפט ער אן זיין בעסטן חבר, וואס רופט זיך "דמיון", זיי גיבן זיך די הענט, און אונטער מינוטן ווערן געבויט גאנצע שטעט און מדינות, וואס האט נישט קיין האפט אין רעאליטעיט, און האט נאר איין כח, חרוב מאכן זיך מיט דעם מאן / ווייב.

צוליב דעם, איז די ערשטע זאך ווען דו באמערקסט אז דו ביזט פארזונקען אין געפילן: שטעל זיך אפ.

הייב אן צו באטראכטן, און קוק דיך אן ווער עס קאנטראלירט יעצט דיינע מחשבות, צו דו אליין [דיין גראדער לאגישער שכל], אדער דיינע געפילן וואס פארפירן דיך מיט דמיונות און פאלשע ווייטאג. און לאז דיך נישט פירן פון דיינע געפילן, וואס וועט דיר אראפברענגען פון גלייכגעוויכט. זיכער זאלסטו נישט פארלייקענען אדער אונטערדרוקן דעם געפיל וואס טוט דיר יעצט וויי, עס וועט נישט העלפן. אבער בוי נישט אויף דעם ווייטער. ענדערש באטראכט די יעצטיגע סיטואציע און פרוביר צו זיין אויפמערקזאם אז מעגליך ביזטו דיך טועה, און כאטש עס זעט אויס אזוי ווי דיינע געפילן שלעפן דיך, אבער נאכן זיך צוזאמרעדן קען ארויסקומען אן אנדער בילד אינגאנצן.

אזוי אויך ווען דיין מאן האט ארויסגעגליטשט פון זיין מויל א אויסדרוק וואס האט דיר נישט געשמעקט, און עס האט דיר שטארק פארווייטאגט, אנשטאט צו איינזינקען אין ווייטאגליכע געפילן, און ווערן פארשלעפט אויף נישט גוטע ריכטונגען, טו צו די זאך, רעד צו דיין מאן, און זאג אים מיט איידעלע ווערטער אז "דאס האט מיר וויי געטון", און הער זיין רעאקציע, דו וועסט ערשטוינט ווערן צו זען, אז ער אנטשולדיגט זיך, אדער ער האט באמת נישט געמיינט אדער נישט געזאגט דאס וואס דו האסט אויפגעכאפט.

אמת אז עס איז נישט גרינג, אבער האלט דאס נישט פאר גרינג.

# בחכמה יבנה בית

## רעיון בנושא שלימות הבית, בקשר לפרשת השבוע

*שלימות הנפש ותכלית הבריאה הוא דוקא אחר הנישואין*

**הנה יד ה' הויה במקנך אשר בשדה.**

אמרו חז"ל (שמו"ר פרשה י"א) הנה יד ה' הויה למה הביא להן דבר לפי ששמו ישראל רועי בקר ורועי צאן וכל בהמה בהרים ובמדברות כדי שלא יפרו וירבו אמר הקדוש ברוך הוא אני אביא עליכם רועה יפה שנאמר הנה יד ה' הויה ע"כ. ויש להבין במה הפריעו המצרים את ישראל מפו"ר בזה ששמו אותם רועי בקר וצאן, ולמה דוקא באופן זה הראו המצרים את שנאתם לבני ישראל.

**יש שלימות ראשון ושלימות אחרון**

ונקדים מש"כ בעקרים (מאמר ג' פ"ב, והובא בהרבה בספרים) שיש ב' מיני שלימות, שלימות ראשון ושלימות אחרון, שלימות ראשון הוא השלימות המגיע תיכף כאשר נמצא הדבר בפועל, ושלימות אחרון הוא השלימות שאינו מגיע כאשר הדבר נמצא בפועל, רק מתחלה אינו נמצא רק בכח, ויגיע אל השלימות כאשר יצא הדבר מכח אל הפועל.

ומין הראשון הוא כולל כל הבעלי חיים, שתיכף כאשר הם נולדים נמצאים הם בשלימותם, ואינם צריכים להוציא השלימות מהכח אל הפועל, שאין מקווה מהם שום שלימות אחר רק כמו שהוא נברא כן הוא נשאר לעולם, ומה"ט בבריאת הבעלי חיים כתיב למינה למינהו, להורות שבבעלי חיים אין הבדל בין תכלית מין אחד לתכלית מין אחר, ובין יצירת הזכר ליצירת הנקיבה, כי המכוון מכולם תכלית אחד בלבד והוא קיום המין, שזהו שלימותו, וזה התכלית שוה בכל המינים, ושלימות זה נקרא "שלימות מיני", כי שלימותו הוא מציאותו בעולם לקיום המין בלבד, וגם אין בו חילוק בין זכר לנקיבה, ומטעם זה נמי נאמר בבריאותם כי טוב, לרמוז כי מיד עם מציאותם מיד הגיע ונשלם הטוביות שאפשר שיהי' בהם.

משא"כ באדם לא נאמר בבריאתו כי טוב, והוא להורות כי אין שלימותו בהבראותו, שהטוביות המכוון באדם איננו הטוב המכוון בשאר בעלי חיים שהוא שלימות המציאות בלבד, והתקוה הוא שיפיק ממנו טובות אחר שישלים את נפשו בדברים נכבדים ויוציא כחותיו שהם עדיין בכח, מכח אל הפועל, וכ"ז שלא הוציא ממנו מכח אל הפועל מה שחננו ה' לא הגיע אל שלימותו המכוון, וזה נקרא "שלימות אישי". ודוגמא מזה הוא בכסא, שמציאות הכסא כשנשלם הוא תכלית ראשון, אבל אין זה סוף התכלית, כי העיקר הוא הישיבה עליו, וזה שלימות תכליתו, כמו כן האדם אין שלימותו מציאותו לבד, אלא אחר שישלים את נפשו. ועל כן במין האדם אין מעמד האשה שוה לאיש, כי היא לא נבראת אלא לעזר לו ולהשלים נפשו שיגיע אל טוב המכוון שנמצא בו בעת יצירתו בכח, משא"כ בבעלי חיים אין הבדל ביניהם עכתו"ד בשינוי לשון קצת. ועיי"ש עוד.

**האדם יש לו יחס אישי משא"כ הבהמה יש לו יחס מיני**

וכעי"ז כ' העקידה (בשער השמיני) שאין היחס של איש ואשתו בבנ"א שוים למין הבהמה, שבמין החי היחס ביניהם אלא "יחס מיני" בלבד, שאין הזכר צריך לנקבה לעזור לו ולהועיל לו ואין התחברותם אלא להשארת מינם, ומטעם זה נבראו בבהמות הזכרים לחוד והנקבות לחוד, אבל זה האופן לא יתכן אצל מין האדם, כי הנישואין שלהם אינו רק להוליד בנים, אלא לכל שאר הדברים אשר הם לצורך החיים, ולשלימות נפשו, ועל כן אמר הקב"ה לא טוב היות האדם לבדו, ר"ל לא טוב שיבראו הזכר והנקבה בפ"ע כשאר הבעלי חיים הרועים על ידיהם שאינם צריכים להעזר זה מזה, אלא הנכון הוא שיהיה לו אשה משותפת לו כפי צרכו להועילו ולעזור לו, ועל כן הוקבע אצל מין האדם "יחס אישי" מיוחד בין האיש לאשתו, "הוא יחזק אהבתם וחברתם להעזר זה מזה בכל עניניהם עזר גמור ושלם כאשר יאות להם", ועל כן נברא באופן שלקח אחת מצלעותיו, ואז נשלם מה שכוון השי"ת להבדילו משאר המינים, שכיון שהם צריכים אל הדיבוק וקשר האהבה יותר מהבע"ח, ראתה חכמתו ית' לחזק הסיבה ביניהם במה שימצאו זה מזה, ושיעשה האחד מהאחר ולא יתפרדו. עכתו"ד בשינוי לשון קצת.

**שלימות האדם אינו תלוי במציאותו אלא כשיוציא כחותיו אל הפועל**

המורם מדבריהם, כי שלימות האדם אינו תלוי במציאותו, אלא שהוא עדיין חסר תכלית שצריך לצאת מכח אל הפועל, ואז כאשר הוא מוציא המקווה ממנו, הגיע על שלימותו, ובדבר הזה נבדל מבעלי חיים ששלימותם תלוי במציאותם. ושלימות האדם תלוי בזה שנושא אשה, שאז יוצא כחותיו מן הכח אל הפועל, וכמו כן הוא צריך להאשה להועיל


*פאר יעוץ און הדרכה*
*אין עניני שלום בית*
רופט הרב **יצחק לויפער**
*718-789-1456*
שטרענג קאנפידענשל - גוטע פרייזן
**בהמלצת הרבנים שליט"א**

ולעזור לו על כל חלקי החיים, וכזה מצינו בזוה"ק (ויקרא ה.) שכל זמן שלא נשא אשה אינו נקרא אדם, והוא בעל מום עיי"ש.

*

### היחס בגוים בזווגם הוא כיחס הבהמה

ואתה המעיין היטב תתבונן היטב, שאף גם זאת נבדלו עם בני ישראל מן העכו"ם, שהאף אמנם שיש נפקותא רבא בין הבעל חי להמדבר שאינו בן ברית, שגם הגוים אינם נמצאים בתכלית שלימותם בהבראם, אמנם אין זה רק למה שנוגע לצורך חיותם הגשמי, ולא זולת, כי אין לגוים מבוא להתעלות לתכליתם, וכאשר הגיע על שיא פריחתו, ונתגבר בשכלו, שוב לא יוצא ויפרח ממנו טוב המקווה, כי אין לו תכלית ומטרה בחיים, זולת להיות עומד הכן לשמש עם בני ישראל, ואינו נבדל במעשיו הגשמיים מהבעלי חיים, שכמו שכל הבעלי חיים אינם פועלים שום דבר בבחירתם רק מטבעם, כמו כן הגוים אינם פועלים בבחירה, ועומדים על כן הטבע, ומה שלבם מושכם להתאוות ולהפיק רצונם אין להם מעצור לרוחם כשאר בעלי חיים ההולכים על ארבע.

ועוד זאת, כי גם חיבור הגוי עם בת זוגו אשר לקח, אין לו יחס של אישות, וכמ"ש אין אישות לגוי, והמשמעות בזה, כי אין להאישות של עכו"ם שום דמיון אף כל דהו, לאישות של ישראל, כי במקום ששלימות הישראל תלוי בנישואין עם בת זוגו, אין האישות של עכו"ם מעלה ומוריד כלל אם הוא נשוי או לא, ובדבר הזה ג"כ שווה הגוי עם הבהמות בשדה, כי כמו שלהבהמה אין הנקבה מתיחס אליו כעזר כנגדו, ככה הם בעכו"ם, וכמו בבהמות אינו מוסיף עליו משהו בשלימותו ותכליתו, בלקחו בת זוגו, ככה הוא העכו"ם, וכאמור שאין לו שלימות אישי, רק שלימות מיני, וזהו מ"ש אין אישות לעכו"ם, כי אין לו שום תוספת בנפשו כאשר הוא נקרא אי"ש.

ולפי האמור בעקרים מה טעם לא נאמר בבריאת האדם כי טוב, שהוא מפני שלא נגמר שלימותו, מובן היטב מש"כ לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו, כי אכן עתה נשלם לו מציאות הטוב, כי כל שלא נשא אשה הי' פלג גופא, ותכליתו הוא להיות נקרא אי"ש, להתחבר באשה אשר לקח, ולהוסיף שלימות מדי יום ביומו, בחיי נישואין ע"ד התורה.

*

### המצרים שמו את בני ישראל לרועי בהמה כדי לעקור מעלת בית ישראל

והוא הדבר אשר המצרים שמו את ישראל לרועי בהמות, כי הלא הגוים בשר חמורים בשרם, ולא ניחא להו מה שבני ישראל מוסיפים שלימות בחיי נישואין, ורצו לעקור דבר זה מישראל להשוותם לבהמות וחיתו יער, על כן שמו אותם לרועי בהמות, כדי להראות בזה שמעלתם אינו עולה יותר מהם, ואין להם יחס לנשותיהם יותר מיחס מיני בלבד.

וזהו כוונת המדרש ששמו אותם לרועים כדי לבטלם מפו"ר, ור"ל מהתכלית של נישואין שהוא להוסיף שלימות באדם, ולהראות כי כל זמן שלא נשא אשה, עדיין הוא כפרי שלא נגמר, והנישואין מעמיד לו תואר וצורת אדם, ובהשוותם לבהמות וחיות ע"י ששמו אותם לרועים חשבו לנגוע בבבת עינם של כלל ישראל, ולפגום נאמנות וקדושת הבית.

ובזה יש לפרש מאמר הכתוב, והפלה ה' בין מקנה מצרים ובין מקנה ישראל. כי תכלית המכה הי' משום שהמצרים שבשר חמורים בשרם, רצו להשוות את ישראל לבהמות וחיות אשר בשדה שאין להם שלימות ויחס אישי, ועל כן אמר הקב"ה שבמכה זו יתוודע ההבדל בין מקנה מצרים ובין מקנה ישראל, והאשה נקראת מקנה מפני שהיא קנין הבעל, ועתה כאשר נענשו המצריים על מעשיהם, הראה ה' שיש הבדלה עצומה בין הא דמקרי נישואין גבי הגויים, ונישואין של בני ישראל, שאין להם שיווי ודמיון כלל. (ועי' גם באמרי נועם מש"כ על פסוק זה).

והשווה לכאן מש"כ בצדקת הצדיק צדקת הצדיק (אות קצא) וז"ל לכן אמר והפלה וגו' וזהו פלא כששניהם שוים בזה ואינו ניכר לעין אדם רק השם יתברך הוא המבדיל מצד הנסתרות שזה נזהר בשביל כבוד שמים לבד אבל זה מצד אהבתו העולם וחפץ בישוב הארץ ע"כ. ולדרכנו ג"כ נכון מש"כ והפלה, שזהו באופן כששניהם שוים בדבר ואינו ניכר רק בפנימיותו, והבן.

ויש להמתיק עוד מהו הרמז במכת דבר דייקא, עפמש"כ בתולדות יעקב יוסף (פ' בא) שיש עונש שנהפך מדַבר [שהוא לשון מנהיג] לדֶבר, וזה הי' הענין של המכות עיי"ש באורך, ולענינינו נראה, דהנה לפי השקפת החיים של הגוים, ששוה הזכר להנקבה, ואין האיש המנהיג והמושל בביתו, הרי התעלמו מהבחי' של דַבר, שמשמעותו הוא לשון רודה ומנהיג, ולדידם אין האיש דַבר בביתו, וזה גופא רצו להשריש גם בבני ישראל [ועל כן הפכו מלאכות של אנשים לנשים ולהיפך כמ"ש במדרש], ועל כן כנגד זה נתהפך להו לדֶבר, ומתו כל מקניהם ובהמתם.

וההיפך הי' לבני ישראל שנתגלה להם עומק קדושת הבית ישראל, ששלימות הנפשי של האדם הוא דייקא אחר שנשלם בו בחי' כי טוב, וזהו אחר שנשא אשה, ע"כ כתיב, הנה יד ה' הוי"ה, הנה המונח הוי"ה הוא מלשון הַוֵי"ה שמשמעותו קידושין כמ"ש חז"ל (קידושין ה.) מקיש הוי"ה ליציאה, וזהו הרמז הנה יד ה' הוי"ה, שיד ה' הראה במכה זו ענין ההוי"ה והחיבור הנכון בבית ישראל (ועי' גם בעקידה שפי' עד"ז מש"כ לא טוב "היות" האדם לבדו).


בעריכת הרב יצחק לויפער
פאר שאלות און הערות אדער צו באקומען דעם גליון
binyan@yeshivanet.com